**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פינאנצירונג פאר מער פון 700 אפאָרדעבעל היימער אריבער ניו יארק**

***איבער 236 מיליאן דאלאר אין באנדס און אין סאבסידי הילף פארברייטערן און באשיצן ניו יארק'ס אפאָרדעבעל האוזינג געביידעס***

***פראיעקטן רעכענען אריין דעוועלאפמענטס אין האדסאן וואלי, פינגער לעיקס און הויפטשטאט ראיאן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 236 מיליאן דאלאר איז צוגעטיילט געווארן דורך באנדס און סאבסידיס צו אויפבויען אדער אויפהאלטן 732 אפאָרדעבעל, שטיצנדע און ענווייראמענט-פריינטליכע הייסער אריבער ניו יארק סטעיט. די פינאנצירונג וועט פארברייטערן און באשיצן די האוזינג סופליי אריבער פיר דעוועלאפמענטס וועלכע געפונען זיך אין די הויפטשטאט ראיאן, פינגער לעיקס און האדסאן וואלי. די פראיעקטן וועלן אויפריכטן און מאדערניזירן פובליק האוזינג, באקעמפן היימלאזיגקייט מיט אויפן-ארטיגע סערוויסעס וועלכע האלטן שוואכערע באפעלקערונגען מיט א זיכערע דאך איבערן קאפ און רעכענען אריין ענווייראמענט-פריינטליכקייט אייגנשאפטן וועלכע גייען אין ריכטונג פון די סטעיט'ס קלימאט ציהלן.

"איך בלייב פארפליכטעט צו איסברייטערן האוזינג געלעגנהייטן אין יעדע ווינקל פון אונזער סטעיט אלס טייל פון מיין אדמיניסטראציע'ס מיסיע צו פארגרעסערן די האוזינג סופליי און אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אינוועסטירונג וועט שטיצן די אויפבויאונג און אויפהאלטונג פון מער פון 700 אפאָרדעבעל הייסער פאר עלטערע מענטשן, וועטעראנען און פאמיליעס, און עס וועט ארייינבלאזן א חיות אין ווערטפולע פובליק האוזינג וואס איז וועזנטליך צו מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל און איינוואוינער-פריינטליך פאר יעדן."

די פינאנצירונג וואס איז היינט אנאנסירט געווארן איז טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 הייסער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 הייסער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די פינאנצירונג איז ערמעגליכט געווארן דורך די באנדס וואס ניו יארק סטעיט הייסער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) האט ארויסגעגעבן אין אקטאבער פון 2023, צושטעלנדיג 149 מיליאן דאלאר אין האוזינג באנדס וועלכע זענען פטור פון שטייערן און 86 מיליאן דאלאר אין סאבסידיס. דריי פון די פראיעקטן וועלכע האבן באקומען פון די פינאנצירונג וועלן אויסנוצן א סך הכל פון 2 מיליאן דאלאר פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס (New York State Energy Research and Development Authority) 'ריינע ענערגיע אינציאטיוו' צו ערגרייכן נאך אפילו העכערע שטאפלען פון ענווייראמענט-פריינטליכקייט און קארבאן רעדוקציע. צוזאמען

מיט נאך פריוואטע געלטער און מיטלען זענען די פראיעקטן וועלכע באקומען פון די פינאנצירונג ערווארטעט צו אויפטרייבן מער פון 310 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען סך הכל.

אלע פראיעקטן קומען נאך די נייע ענווייראמענטאלע סטאנדארטן וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן דורך די HCR אין 2022, סטאנדארטן וועלכע שטופן פאר א געזונטערע סביבה און מער שפארזאמע געביידעס און וועלכע שטיצן די ציהלן אוועקגעשטעלט דורך דעם ניו יארק סטעיט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act).

HCR'ס האוזינג פינאנצירונג געלעגנהייטן זענען אויסגעשטעלט צו פאראויס שטופן עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוון, צו אויסברייטערן האוזינג געלעגנהייטן אין יעדן ראיאן, צו באקעמפן היימלאזיגקייט מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, צו העלפן עלימינירן די דיגיטאלע אונטערשיידן ביי פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט און צו עררייכן די סטעיט'ס קארבאן רעדוקציע ציהלן.

די פינאנצירונג רעכנט אריין:

**136 מיליאן דאלאר צו איינקויפן און איבערבויען דעם Griswold Heights קאמפלעקס צו אפהיטן 392 היימער אין טראָי.** די 60-יעריגע פובליק האוזינג דעוועלאפמענט געפונט זיך אויף די נאציאנאל ליסטעס פון היסטארישע פלעצער און באשטייט פון 392 אפּאַרדעבעל אפּארטמענטס אין 13 צוויי-שטאקיגע געביידעס. Griswold Heights ווערט דעוועלאפּט אין צוזאמענארבעט צווישן די טראָי האוזינג אויטאריטעט (Troy Housing Authority, THA) און MDG Real Estate Partners LLC. THA וועט פארזעצן מיט איר ראלע אלס פּראפּערטי מענעדזשער.

**72.7 מיליאן דאלאר פאר די קאנסטרוקציע פון די Center City Courtyard געביידע צו שאפן 164 אפּארטמענטס אין ראטשעסטער.** די ניי-געבויטע פולשטענדיג-עלעקטרישע געביידע וועט אפפערן 164 אפּאַרדעבעל אפּארטמענטס בלויז געציילטע בלאקס אוועק פון ראטשעסטער'ס 'אינער לופּ'. די דעוועלאפּמענט וועט אריינרעכענען 95 אפּארטמענטס מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר וועטעראנען וועלכע זענען אריבער היימלאזיגקייט אין די פארגאנגענהייט, מענטשן מיט דראג אביוז קרענק און מענטשן וואס זענען געווען פארפלאנטערט מיט די יוסטיץ סיסטעם. Center City Courtyard ווערט דעוועלאפּט דורך HELP USA און CSD Housing צוזאמען.

**54.2 מיליאן דאלאר פאר די איינקויפונג און דעוועלאפּמענט פון דעם Parliament Fairfield קאמפלעקס צו בויען און אויפהאלטן 103 אפּארטמענטס אין ראטשעסטער.** דער פראיעקט וועט באדייטנד איבערפרישן 88 יוניטס ביי צוויי פובליק האוזינג דעוועלאפּמענטס און אויפבויען נאך 15 אפּארטמענטס פאר א סך הכל פון 103 אפּאַרדעבעל היימער. די Fairfield Village's און Parliament Arms דעוועלאפּמענטס וועלן אריבערגיין ברייטע ענערגיע שפארזאמקייט מאדערניזירונגען און אריבערגעפירט ווערן צו פולשטענדיג-עלעקטרישע הייצונג און קילונג. Parliament Fairfield ווערט דעוועלאפּט דורך די ראטשעסטער האוזינג אויטאריטעט.

**47.2 מיליאן דאלאר פאר די איינקויפונג און צופאסונג פאר נייע צוועק פון Mary the Queen אפּארטמענטס פאר עלטערע מענטשן צו אויפבויען 73 אפּארטמענטס אין יאנקערס.** די געוועזענע Convent of Mary the Queen נוירסינג היים וועט פארוואנדלט ווערן צו זיין א שטיצנדע האוזינג דעוועלאפּמענט פאר עלטערע מענטשן מיט 73 אפּאַרדעבעל אפּארטמענטס אין די שטאט-צענטער פון יאנקערס, אדרעסירנדיג א קריטישע נויט פאר וועסטשעסטער'ס שנעל-וואקסנדע עלטערע באפעלקערונג. די דעוועלאפּמענט וועט אריינרעכענען 52 אפּארטמענטס מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר

שוואכע אדער דיסעיבעלד עלטערע ניו יארקער. Mary the Queen עלטערע מענטשן אפּארטמענטס ווערט דעוועלאפּט דורך Finian Sullivan Corporation.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די 236 מיליאן דאלאר וואס ווערט אינוועסטירט אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט איז בלויז נאך א באווייז פון גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט זיך צו אפּגעבן מיט דעם האוזינג קריזיס און צו מאכן ניו יארק פאר א מער אפּאָרדעבעל פלאץ צו וואוינען. די דעוועלאפּמענטס וועלן אויפבויען אדער אויפהאלטן 732 היימער, אריינרעכענענדיג כמעט 150 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע גרופּעס ווי וועטעראנען און עלטערע מענטשן, און זיי וועלן העלפן נאכקומען די פארשידנארטיגע האוזינג באדערפעניש פון אונזער סטעיט. איך גראטוליר אונזערע שותפים, און איך קוק ארויס צו זעהן די פראיעקטן פארבעסערנדיג טויזנטע לעבנס אין די בעפארשטייענדע חודשים און יארן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418